פרייז 20 גראשען   XV-טער יאהרגאנג   — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem.   „Radomer-Kielcer Leben" 36 (734)   היינט 6 זייטן

ראדאמער-קעלצער לעבען

בעזארגט אייך בעצייטענס מיט „שטעדט" אין שוהל.

מיר מאכען בעקאנט אזוי די מתפללים פון שוהל און אזוי די שטאדט בעלי-בתים, אז זיי זאלען זיך באצייטענס בעזארגען מיט „שטעדט" אין שוהל, אויף די ימים-נוראים. מיר בעטען אזוי מענער און פרויען צו קומען זוויסקויפען פלעצער און תיכף בעצאהלען. דאס זעלבע ברויכן ערלעדיגען אויך די יעניגע, וואס האבען אייגענע „שטעט". דאס בעזארגען זיך מיט „שטעדט" מוז ווערען ערלעדיקט ביז די ערשטע סליחות. **די אלע וואס וועלען האבען בעצאהלט, וועלען בעקומען איינטריטס-קארטען** און די וואס וועלן אזעלכעס נישט האבען צו בעווייזן. וועלן נישט אריינגעלאזט ווערן אין שוהל, אפילו די וואס האבען אייגענע „שטעט"

די איינטריט׳ס-קארטען פיהרען מיר אין ווייל ס׳איז פאראויסגעזעהן א גרויסער געדראנג צוליב דעם בערימטען **חזן ראנטאל,** וואס וועט דאוונען מיט א גלענצענדן כאר אונטער דער לייטונג פון גוט בעקאנטן דיריגענט **דורמאשקין.**

מיר בעטען נאך אמאל: בעזארגט אייך מיט די „שטעדט" ביז די ערשטע סליחות יעדן טאג אין שוהל פון 7 ביז 9 אווענד. שפעטער וועלען מיר נישט אנערקענען קיין שום טענות און פרעטענזיעס.

די גבאים פון דער שטאדטישער שוהל.

אפטיילונג פאר אסטראוויעץ אפאטאוו, וויטרזשבניק און סביבה -- אויף זייט 6

Radom, dnia 9-go Września 1938 r.
ראדאם, פרייטאג י"ג אלול תרצ"ח
טעלעפאן פון רעדאקציע 15 - 18

אבטיילונג פאר קעלץ אויף זייט 6

איבערמארגען **זונטאג ט"ו אלול תרצ"ח** (11 סעפטעמבער 1938)

ווערט אויפן היגען בית-עלמין ארויסגעשטעלט די **מצבה**

פון אונזער חשוב'ען און קיינמאהל נישט פערגעסענעם

מאן און **פאטער**

ר' יצחק מאיר לעסלאו ז"ל

אין זעלבען טאג, זונטאג 11 אין דער פריה, קומט פאר די **מצבה-ענטהילונג.**
אויף וועלכער עס ווערען איינגעלאדען קרובים, פריינד און בעקאנטע.

די פאמיליע.

בעקאנטמאכונג
איך מאך בעקאנט, אז איך נעם-אן צו מאכען **פערשידענע מעבעל פון אלע סארטען. ביליג, צו צוגענגליכע פרייזען, גוטע בעדינגונגען.**
קומט און איבערציגט אייך אויף בערנארדינסקא 10 (פיעקלא).
מיט אכטונג
יוסף פרידמאן

DR. MED.
A. Łuczno-Lewi
CHOROBY OCZU
POWRÓCIŁA i PRZYJMUJE
w godz. 9 — 12 i 16 — 18.
RADOM,
ul. Moniuszki 12, tel. 24-98

Komunikacja Autobusowa
na linii
LUBLIN-ŁODZ
przez Puławy, Radom, Przytyk, Nowe Miasto, Rawę Mazowiecką i Brzeziny

Zawiadamia, że z dniem 5-go września r. b. uruchamia dalsze dwa autobusy. Odjazd z Radomia do Łodzi o godzinie 4^{10} i 9^{15} rano. W Kierunku Lublina o 15 i 21^{15}. Luksusowe 30 osobowe samochody Chevrolet, zapewniają wygodną podróż. Autobusy kursują codziennie.

Mądrzy bramini, których słuchać nigdy nie zawadzi
Uczą, że wierzyć nigdy nie trzeba kobiecie
Chyba, że świetne gilzy *„Dla znawców"* doradzi
— Wierz jej wtedy — te gilzy są najlepsze w świecie

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA
DOBRA KAWA

ווילט איהר האבען קלארע, זויבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען,
גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער
כעמישער פארבעריי און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filie
Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האט זיך נים איבערצייגט זאל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער אונפאכמענישער ארביים. ס'וועט אייך געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג
● סאלידע בעהאנדלונג   קומט און איבערציגט אייך
◆ צענטראלע: אלטע שטאדט 7 אפיצ. טעל 70 - 19
● פיליעס: זשעראמסקי 1   טראוגוטטא 11
זשעראמסקי 21,   זשעראמסקי 59

ביליג צו וואשען קאפעלושען

טעאטער „ראזטאיטאשצי"
נאר 3 גאסטשפילען פון
נייע טעאטער אין ראדאם
קינסטלערישע אנפיהרונג ד"ר מ. ווייכערט
פרייטאג דעם 9 ה. ח. 9^{30} אווענד
האפענונג
שבת דעם 10 4 נ. מ.
שמחה פלאכטע
און 9^{30} אווענד
נאפאלעאנס אוצר
מוזיקאלישע קאמעדיע פון שלום עליכם
אויסשטאטונג: יצחק ברוינער, מוזיק הענעך קאן
טענץ לאה ראסבוים.
בילעטען צו בעקומען פריהער אין וויאורשטען-האנדעל זשעראמסקי 9 און ביי דער קאסע.

מיין מפורש צום ארטיקעל „פאראזיטען".

„פרא פובליקא באנא".

דאס היינטיגע מאהל וויל איך אנהויבען מיט אנ'איינלייטונג, בכדי קודם כל צו ענטפערען מיינע פריינד, וועלכע קומען צו מיר מיט א בתמיה און זאגען, אז איך בין א צו־קליינער מפונק אין בעצוג צו פארטנערען אין דער פאלעמיק. איך וויל זיי נעמליך זאגען, אז מיין שטאנדפונקט איז אנ'אנדערער — איך מיין, אז ס'איז ווינשענסווערט די בעפעלקערונג וואס מעהר צו אינפארמירען אין כלל־זאכען און דאס קען יעדער איינציגער לייסטען. די פרייע טריבונע און מיט דער הסכמה פון בעטרעפענדען רעדאקטאר, אויך די פרעסע זענען צוגענגלעך פאר אלע און ס'איז א חוב אויף יעדער פראגע צו ענטפערען. אבער נאכדעם ווי עס ערשיינען די עלאבאראטען פון די פאלעמיקער מוז זיך דער אמת בולט בעווייזען און שטיתים, פלוידערייען און אפילו געשטריקטע פלפולים קענען דער עפענטליכקייט נישט פערבלענדען, ווייל השקר אין לו רגלים.

מיין לעצטער בעל־ויכוח האט די פאריגע וואך פערנומען דער ראדאמער עפענטליכע מיינונג מיט אנ'ארטיקעל, וועלכער האט בנוגע געזעלשאפטליכע ענינים גארנישט מחדש געווען. דער אויטאר שיסט מיט די זעלבע ליידיקע קוילען, וואס זיין פארגענגער, דער חבר פינקוס־פיהרער פון בית־יתומים — נאך אמאהל נאמינאט, ווידער אמאל די גמינע גיעט נישט קיין געלד און אבער אמאהל וועג'ן די 500 זל. וואס דער ה' גאלדבערג האט פאר זיי שיך געגעבען. די זעלבע אלזא יענטע, נאר אין אנ'אנדערן שלייער. איך בין נישט קיין בעלן פון פלאגיאטען און פילמאליגע ווידערהאלונגען. איך בין אבער ליידער געצווינגען בקיצור נאך אמאל צו בעטאנען, אז איך האב נאר איין ארט צו רעזיגנירען און דאס האב איך שוין פון אייגענעם הייסען ווינש און ווילען, נישט איינמאהל געטוהן און בלייב דערווייל א מחכה לתשובה; אז איך קען נישט נעמען אויף מיר די שולד, פאר דעם ים חובות וואס זענען געבליבען נאך די פריהעדיגע גמינעס און איך נישט דערפאר, וואס די רעגירונג האט די רעליגעזע זעלבסטפערוואלטונגען נישט ענטלאסטעט פון די חובות, אזוי ווי דאס האט געהאט דאס ארט ביי די קאמונאלע גמינעס; מען קען מיך אויך נישט מאכען שולדיק פאר דער שחיטה־גזירה, פארן שחיטה־שמוגעל און איך קען אויך נישט העלפען צו דעם, וואס די בעלי־בתים בעצוהען זיך אזוי אינדיפירענט צו יעדער אקציע.

ווי געזאגט, האט דאס אויבענדערמאנטע ארטיקעל פון מיין געגנער און עצם־ענין גארנישט מחדש געווען; דערפאר אבער האט ער מתחיל געווען א נייעם ארט פאלעמיק אויפן באדען פון ריין־פערזענליכע אנפאלן. ערשטענס זאגט מיין פארטנער, אז איך בין נישט קיין מיטגליד, צאהל נישט קיין חודש געלד און דעריבער האב איך נישט קיין דעה אין בית־יתומים, און צווייטענס פרעגט ער מיך, ווער איז דער מחבר פון מיינע ארטיקלען, ווייל זיי ענטהאלטען א גוטען יודיש און אט דאס האב איך לויט איהם, אין מיין יוגענד נישט ערווארבען. אט דא זעהט איהר שטעה איך פאר א שווערען פראבלעם, וואס זאל איך ענטפערען? צי זאל איך אים דערמאנען, אז ווען מ'הערט אז ס'געהט לאיבוד דער גמינעס געלד, און, אז ס'ווערען פערשווינדען עטאטקוויטלעך צוזאמען מיט זיין אייגענעם קוויטל, ליגט אויף מיר א פליכט צו רעאגירען אפילו נאכדעם ווען מ'האט צוליבן ויצעקו קארעגירט אין די ביכער און זיך געדעקט מיט רעזאלוציעס פון דער פערוואלטונג; צי זאל איך איהם אויפמערקזאם מאכען, אז אייגענטליך איז די גמינע דאס פאקטישע פרעזידיום פון בית־יתומים און מושב־זקנים; צי זאל איך איהם בעווייזען, אז ער צאהלט זיינע 50 גר. אדער א זלאט א חודש דערפאר, ווייל ער איז א פרעטענדענט אויף פרעזעסור; צי זאל איך איהם ערקלערען, אז איך האב די לעצטע צייטען, אהן חודש־געלד, געלייסטעט פאר דער אינסטיטוציע אייגענע אויסגאבען, וועלכע דעקען און דעקען זיינע פיעל יעהריגע סקלאדקעס; צי זאל איך פארווארפען דעם סעקרעטאריאט שליאמפעריי, ווייל זיי האבען מיר קיינמאהל נישט פארגעלעגט די מיטגלידערשאפט דאמאלט, ווען איך האב זעלבסט אין דעם נישט מעיין געווען צי זאל איך אויפ'ן צווייטן פארוואורף ענטפערען, אז איך פיהר מיט איהם א פאלעמיק אין יודיש, ווייל איך האב א גרונד צו גלויבען, אז אויף פויליש וועט ער נישט פערשטעהן, והראיה, אז איך האב איינמאהל בענוצט א פאלאניזם „האנאראווער" עסקן, האט ער עס נישט פערשטאנען, כאטש ער ברויך גוט צוויסען, וואס עס בעדייט דאס ווארט פון דעם זעלבען שורש „האנאראריום", צב"ש האנאראריום פאר ארביטארזשען אין סוחרים־פעראיין; צי זאל איך אין בעצוג צו איהם בענוצען דאס תלמודישע שפריכווארט: מום שבך אל תאמר לחברך, ד"ה, אז ער בענוצט זיך מיט מחברים; צי זאל איך איהם רופען צו אנ'עגזאמען און מיט איהם זיך פערמעסטען; צי זאל איך איהם פרעגען פון וואנען קען ער מיין יוגענט און מיין גירסא דינקותא, פון וואנען שעפט ער לאטיין, ווי קומט עס צו איהם? — ניין, איך האב אויף אזא אופן נישט אנגעהויבען מיט איהם צו פאלעמיזירען; איך האב זאגאר פערמיטען א נאמען צו דערמאנען און וויל עס ווייטער נישט. בעסער וועט זיין צו פערענדיגען דאס קאפיטעל מיט דעם על תען כסיל כי אולתו, נאך מעהר דערפאר, וואס איך, מיט זיין לשון גערעדט, רעד מיר נישט איין, אז איך בין א למדן און לאטייניסט — איך וויל אויך נישט זיין הסכמה אלס אזעלכען.

מיין געגנער האט אין מיר געפינען געגענגעזעצטע עקסטרעמיטעט; איך אין איהם אבער — איין גלייכע ליניע, די זעלבע, וואס ער אליין האט אנגערופען: „פרא דאמא סוא", פאר אייגענע אינטערעסען. „פרא פובליקא באנא", פאר'ן כלל איז ער נישט גורס. אין רעזומע, נאכדעם ארומרעדען דאס וואסערדיגע ארטיקעל, וויל איך נאר אנווייזען דערויף, אז זיין ארטיקעל איז געגען זיין ווילען א פירוש צו מיין ארטיקעל „פאראזיטען". אט דאס איז עס טאקע. דער אויטאר קען אייך חשובע לעזער גארנישט פאזיטיוועס ברענגען פון זיין אייגענער טעטיגקייט, נעגאטיוועס וועט ער אייך נישט דערצעהלען, דעריבער בענוצט ער זיך מיט דעם אלטען אויספרובירטען מיטעל, ד"ה צו בארגען זיך ערגיץ א מאמר, א מדרש און א פאר לאטיינישע ווערטער, צוזאמענקלעבען אנ'ארטיקעל אין פארם פון גוזמה'דיגער איינרעדעניש, כדי דעם עולם צו סוגעסטיאנירען און געפינען אנ'אויג פון א גרויסען כלל־טהוער און דאס מיינט מען טאקע פראזען־דרעשעריי. עס בלייבט אלזא ביים אלטען און א תשובה אויף די קאנקרעטע פארווארפען איז אלץ נישטא.

מ. רעז.

פ. ס.

זאל ער אויך יעצט זוכען דעם מחבר פון היינטיגען ארטיקעל.

צוליב נדן דער'הרג'עט שווער און שוויגער.

אבגעזעסען 10 יאהר און דאן ערמארדעט געווארען פון א גואל־הדם.

אין דארף נאווינע־מעלישעווסקיע אונטער ראדאם האט געוואהנט א געוויסער יאן יאשינסקי מיט זיין פרוי יאנינא. יאשינסקי האט געהאט גרויסע פרעטענזיעס צו זיינע שוויגער־עלטערן בכן זיי האבען איהם אפגענארט מיטן נדן און דערפאר האט ער זיי אין א געוויסען טאג ערמארדעט. ער איז אפגעזעסען דערפאר אין תפיסה 10 יאהר.

אין מאי ד. י. איז יאשינסקי ארויסגעלאזען געווארען פון תפיסה און צוריקגעקומען אין דארף אריין.

אין דער היים האט אויף איהם געווארט דער גואל־הדם, זיין שוואגער פראנצישעק קוואטשינסקי, וועלכער האט זיך אין איהם נוקם געווען פאר ערמארדען זיינע עלטערן. די נקמה איז אויסגעפיהרט געווארען בעת א קריגעריי מיט יאשינסקי, צו ווען קוואטשינסקי האט אנגעשטעלט דעם רעוואלווער און געשאסען אויף איהם עטליכע מאהל, און זעהענדיג, אז ער איז נאך נישט טויט, האט ער איהם געשאסען נאך צוויי מאהל אין קאפ אריין. יאשינסקי איז דאן געפאלען א טויטער.

אין קרייז־געריכט, וועלכער האט בעטראכט דעם פראצעס מיט עטליכע טעג צוריק, האט קוואטשינסקי גע'טענה'ט, אז בעת דער קריגעריי האט יאשינסקי איהם גאר געוואלט דער'הרג'ענען מיט א האק. ער איז דעריבער געווען געצווינגען צו שיסען צו איהם אויס אייגענער פערטיידיגונג.

די עדות האבען אבער אנדערש פארגעשטעלט די מחלוקה צווישען די שוואגערס, פון וועלכע קוואטשינסקי איז לויט זייערע רייד שטארק בעלעסטיגט געווארען.

דאס געריכט האט איהם פעראורטיילט אויף 3 יאהר תפיסה.

אר.

אונזער אנטווארט.

אויף דער זיצונג פון דער פערוואלטונג פון בית יתומים און מושב זקנים, וועלכע איז פארגעקומען דעם 31־טען אויגוסט ד. י. איז בעהאנדעלט געווארען די פאלעמיק, וועלכע ווערט שוין א לענגערע צייט געפיהרט דורך א פאר פערזאהן, מכלומרש'ט לטובת דעם ב"י א. מז"ק.

נאך א דיסקוסיע, אין וועלכע אלע אנוועזענדע מיטגלידער האבען גענומען דאס ווארט, איז בעשלאסען געווארען די ווייטער־געשריבענע רעזאלוציע:

א) די פערוואלטונג שטעלט פעסט, אז די וואס פיהרען די פאלעמיק האבען ארויסגערופען א קינסטליכען שטורם אין א לעפעל וואסער; האבען געהאט אלס ציעל נישט די טובה פון ב"י און מ"ז נאר אייגענע חשבונות און אמביציעס.

ב) די פערוואלטונג שטעלט פעסט, אז די מיטגלידער פון דער פערוואלטונג פון ב"י א. מ"ז זענען רייף און דערוואקסען, קענען רעאגירען אויף יעדע עוולה, וועלכע געשעהט דער אינסטיטוציע און ברויכען נישט האבען די הילף פון נישט געבעטענע מענשען.

ג) די פערוואלטונג דריקט אויס איר פארדרוס און פראטעסט געגען דער פאלעמיק, וועלכע ברענגט שאדען דעם ב. י. און מ. ז.

ד) די פערוואלטונג בעט די פאלעמיזירענדע אן ענדע צו געבען דער שעדליכער ארבייט.

ה) די פערוואלטונג בעט די יודישע פרעסע אין ראדאם נישט צו דריקען קיין ווייטערען ארטיקל אויף דעם טעמאט פון דער פאלעמיק.

ו) כדי צו בערוהיגען די מיטגלידער און די עפענטליכע מיינונג. וועלען מיר איינלאדנען זאכפערשטענדיגע, וועלכע וועלן נאכ'ן אויספארשען דעם אמת'ן זאכבעשטאנד פון דעם געלד פאר מצות, פון די גמינע, אסיגנאציעס און אנדערע פארוואורפען, פערעפענטליכען אין דער פרעסע דעם אויסגאנג פון דער דורכגעפירטער אויספארשונג.

די פערוואלטונג פון בית־יתומים
און מושב זקנים אין ראדאם.

מוטער ערמארדעט איהר קינד, ווייל אזוי האט געוואלט דער קאכאנעק.

דער ארבייטער פון דער היגער געוועהר־פאבריק סטאניסלאוו מאיעווסקי האט זיך בעקענט מיט דער יונגער ראדאמער איינוואהנערין סטעפאנא סאלעצקא. די יונגע מענשען האבען זיך שנעל בעפריינדעט און פון דער ליבע איז געבוירען געווארען א קינד.

ווען סאלעצקא איז ארויס פון קליניק האט איהר מאיעווסקי אנגעהויבען אנרעדען, אז זי זאל דאס קינד טויטען, ווען נישט, וועט ער מיט איהר אלע בעציהונגען איבעררייסען.

סאלעצקא, נישט וועלענדיג פערלירען איהר געליבטען, וועלכער האט איהר מאטעריעל געשטיצט, איז אוועק מיט איהר 9־טאגיג קינד אויף די פעלדער נישט ווייט פון זוואלין און דארט האט זי דאס קינד דערשטיקט.

דער מארד איז אבער שנעל ענטדעקט געווארען און די יונגע אכזריות'דיגע מוטער איז ארעסטירט און איינגעזעצט געווארען אין תפיסה.

פערגאנגענעם מאנטאג איז פארגעקומען דער פראצעס געגען סטעפאנא סאלעצקא און סטאניסלאוו מאיעווסקי אין קרייז־געריכט.

אין געריכט האט זיך סאלעצקא מודה געווען. אבער דערביי האט זי בעשולדיגט מאיעווסקי, אז ער האט איהר צוגערעדט צו ערמארדען דאס קינד. מאיעווסקי האט ערקלערט, אז ער האט א שוואכען כאראקטער און דעריבער איז איהם שווער איבערצורייסען די בעציהונגען מיט סאלעצקא; ער האט זי אבער קיינמאהל נישט אנגערעדט צו דעם שרעקליכען טהאט. אין ליכט פון דעם עדות זאגען פון א רייהע עדות איז די שולד פון ביידע אנגעקלאגטע דערוויזען געווארען.

דאס געריכט האט פער'משפט סטעפאניא סאלעצקא אויף אנדערטהאלבען יאהר תפיסה און סטאניסלאוו מאיעווסקי אויף 5 יאהר תפיסה.

ביידע פעראורטיילטע זענען באלד אפגעפיהרט געווארען אין תפיסה אריין.

אר

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

וועגן קאנגרעס צום קאמף פאר אונזערע בעדראהטע רעכט.

די יודישע ארבייטערשאפט און צוזאמען מיט איהר די ברייטסטע שיכטען פון די יודישע פאלק'ס־מאסען זענען ערשט צוגעטרעטען ארגאניזירען א וויכטיגע אקציע. אין צענדליגער שטעדט און שטעדטלעך אין גאנצען לאנד, אומעטום וואו נאר עס לעבען יודישע ארבייטער, פאלק'ס־מענשען, ווערען ערשט אבגעהאלטען בעראטונגען, קאנפערענצען, מיטינגען; א פערצווייגטע ארגאניזיר־ארבייט איז פונאנדערגעוויגט געווארען אין אלע די לעבעדיגסטע און ביז די פערווארפענסטע ווינקעלעך פון לאנד. טויזענדטער, צענדליגער טויזענדטער מענשען, אלע די, וועלכע האבען דעם מוט, דעם גלויבען און דעם ווילען צו קעמפען פאר זייער מענשליכע רעכט און טראגן אין זייערע מיילער א קללה דעם אנטיסעמיטיזם, גרייטען זיך ארויסצוטרעטען אין אנ'אבוועהר־קאמף געגען די פינסטערע כוחות, גרייטען זיך צו זאגען זייער ווארט, אויסשרייען זייער פראטעסט און אנזאגען זייער קאמפ'ס־גרייטקייט, אז זיי וועלען זיך נישט לאזען בעפאלען דורך קאסטעט־באנ[illegible]ען, אז זיי וועלען זיך נישט לאזען בערויבען פון זייערע רעכט; אז זיי וועלען זיך נישט לאזען דערנידעריגען צום געטא־שטאנד, און, אז זיי וועלען זיך נישט לאזען ארויסרייסען דעם ביסען ברויט פון מויל.

אין קאמף פון זייערע קעשענע־אינטערעסען זענען די פינסטערע כוחות קיינמאל נישט איבערקלייבעריש אין מיטלען און אין דעם פאל, פאלען די חידערשפעניגע נישט־יודען ארונטער דעם זעלבען גורל און נישט זעלטען נאך ערגער ווי די יודען. ס'ווערט אונז אבער אויף א האר נישט לייכטער דערפון. ס'איז נאר א בעווייז, אז וואס שטארקער די רעאקציע, אלץ יה'שער דער אנטיסעמיטיזם. אויב ס'איז שטענדיג אזוי, איז אבער די געפאהר היינט א פיל גרעסערע ווי שטענדיג. דער אנטיסעמיטיזם איז פון טונקעלע ווינקלען אריינגעשלעפט געווארען אין די סאלאנצימערען. בעזעצענדיק זיך רחבות'דיק אין די פליושענע פאטעלען, איז ער געווארען א קרוב למלכות וואס דראט מיט אונטערגאנג פון דער יודישער עקזיסטענץ. געגען דעם מוז מען זיך וועהרען אמשטארקסטען, אמקרעפטיגסטען.

די ארגאניזירטע ארבעטערשאפט האט אין די לעצטע טעג ארויסגעוויזען גענוג מוטה און ניט ווייניג קאמפ'ס־פעהיגקייט. נאך פשיטיק האבען זיי לויט'ן רוף פון בונד געענטפערט מיט א שטארקע פראטעסט אקציע. נאך די געטא־בענק מיט א צווייטען מעכטיגען פראטעסט־שטרייק, וואס איז מיט זיין פסינקם ניט געווען שוואכער פון דעם ערשטען. ס'איז געוויס ניט זייער שולד, אויב ס'האט זיך נישט איינגעגעבען די דריטע מעכטיגע פראטעסט־קאמפאניע פון דעם דעמאלסדיגען קאנגרעס צום קאמף געגען אנטיסעמיטיזם און נאך דער „א ן"־דעקלאראציע, איז דער איצטיגער קאנגרעס צום קאמף פון אונזערע בעדראהטע רעכט. א פרישע קראפטפולע ארויסטרעטונג.

די קאמפסמוטיגע ארבעטערשאפט. די פאלק'ס־מאסען פערשטעהען זעהר גוט די בעדייטונג און שאצען אב די ווירקונג פון אזא ארויסטרעטונג און דערפאר טאקע אזא לעבעדיגער אינטערעס, אזא ריהרעוודינע צוגרייטונג און ארגאניזיר־ארבייט פון זיי אלע. און אויב אלע, איז נאטירליך אויך ראדאם. די ראדאמער ארבעטערשאפט בלייבט נישט הינטערשטעליג. זיי זענען געטרייע זעלנער פון דער גרויסער ארבעטער־ארמעע. קנאפע 4 צענדליג פארשטעהער פון אלע קלאסען־ארגאניזאציעס, קאמיטעטען פון „בונד", „צוקונפט", ערשט פערוואלטונגען פון פראפעסיאנעלע פעראיינען, שוסטער, שטעפער, בעקערס, סאציאליסטישע האנדווערקער, בעקלייד, פליישער „מארגענשטערען", זענען זיך לעצטען שבת צונויפגעקומען, כדי ארומצורעדען אלע איינצעלהייטען, וואס האבען א שייכות מיט'ן קאנגרעס. זיי זענען נישט פערצווייפעלט און נישט ענטמוטיגט, אנטלויפען נישט פון פראנט. זיי זענען געקומען פראטעסטירען געגען די אומרעכטען און צו־זאגען זייער קאמפ'ס־גרייטקייט. צוזאמען מיט אלע אין א ברודערליכען קאמף צו קעמפען פאר זייערע, פאר אונזערע, פאר אלעמענס מענשליכע רעכט.

מ. גלויבערמאן.

צו דער ייוואָ-אַקציע אין ראַדאָם.

מלך ראַוויטש

דער וועג צום וויסען און צום אמת

ספּעציעל צום „ראַדאָמער-קעלצער לעבען".

דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרען, ווי אלע זאכען, וואס זענען שטארק אויף דער צייט, אהן א גאנץ קלארען פראגראם. און אזוי ווי עס האט שטארק געפעהלט אין יענער צייט אנ'אויטאריטאטיווער פילאלאגישער יודיש-אינסטיטוט האבען אלע געמיינט, אז דער ייווא איז א יודישער שפראך-וויסענשאפטליכער אינסטיטוט און א סך מיינען נאך עס ביז צום היינטיגען טאג.

און אזוי ווי דער אמת איז אלע מאהל אין דער העלפט, ווי עס זאגט אנ'אלט ווערטעל, מאכט דער אמת אין דעם פאל א קליינעם אויסנאהם און ער געפינט זיך ניט אין דער העלפט, נאר אין פערטל: א פערטל פון ייווא. איינע פון זיינע פיר סעקציעס איז טאקע א פילאלאגישע. אבער די אנדערע זענען עס ניט. ווארום וואס פאר א שייכות האט יודישע היסטאריע און יודישע עקאנאמיק און אפילו יודישע פעדאגאגיק צו יודישער פילאלאגיע?

עס איז אויך קלאר געוויזען, אז דער ייווא זאמעלט גייסטיגע אוצרות. דער ייווא האט אויך מאבילעזירט אנ'ארמעע פון זאמלערס. א גאר גרויסע טייל פון די אוצרות איז שוין אזוי פערזיכערט, אז קיין צרה קען זיי שוין מעהר ניט אומברענגען, פערזיכערט מיט דעם, וואס זיי זענען צעווארפען איבער גאר דער וועלט אין טויזענטער עגזעמפלארען.

צו די דרייצען יאהר פון זיין עגזיסטענץ דארף דער ייווא ענדגילטיגער ארויף אויף זיין צווייטער וויכטיגסטער מדרגה.

די ערשטע גרויסע מדרגה איז געוועזען: זאמלען דאס צעשפרייטע איבער גאר דער יודישער וועלט און דורך צעשפרייטונג אין א געדרוקטער פארם איבער דער זעלבער גארער יודישער וועלט עס צו זיכערן פון אונטערגאנג. אבער זאמלען איז געוועזען דער הויפטלאזונג.

און איצט דארף קומען די צווייטע מדרגה. וואס וועט ניט אויסשליסען די גלייכצייטיגע אומענדלעכע ארבייט פון דער ערשטער מדרגה.

און די צווייטע מדרגה איז: פערשפרייטען דאס געזאמעלטע!

לערענט!

לערענט! דארף זיין דער נייער לאזונג פון דעם ייווא, די פערווירקליכונג זיינע צום אנהייב פון זיין צווייטער מדרגה.

* * *

פערהאנען ביים היינטיגען טאג אויף דער יודישער גאס עטליכע יודישע קולטור-געזעלשאפטען, וואס ווילען קאארדינירען די גאנצע יודישע קולטור-ארבייט ארום זיך. דאס זענען געזעלשאפטען מיט גרויסע פראגראמען, וואס נעמען ארום אלע געביטען פון דעם יודישען לעבען.

דער ייווא מישט זיך ניט אין זיי און קאנקורירט ניט מיט זיי. ער איז אויך ניט אויסען צו גרינדען אין ערגעץ א ייווא-דראמקרייז. אדער א ייווא-פאלקסלידער-זינגקלוב. ער פראפאגירט ניט א לאזונג פון אלגעמיינע בילדונג, כאטש ער שטעלט זיך לכתחילה ניט אנטקעגען — נאר ער פראפאגירט בלויז זיך.

און צו זיין דרייצענטען יאהר דארף ער ארויסקומען מיט א לאזונג ניט קיין אלארמיגער, א לאזונג א שטילער, אבער אזא איינגעשפארטער ווי די גאנצע ביז איצטיגע ארבייט זיינע:

לערענט די פאליאנטען פון דעם ייווא, לערענט די ספרים זיינע, די ספרים זיינע וואס ענטהאלטען ש'ר ניט אלץ, וואס דאס מאדערנע יודישע וויסען האט אין די לעצטע יאהרען ארויסגעבראכט.

אין די 20.000 צו 30.000 בוכזייטען פון דעם ייוואס אויסגאבען איז א לעבעדיגער אוניווערסיטעט אנגעזאמעלט און ס'רוב איז עס אין א צוטריטליכער שפראך און מיט צוטריטליכע בעגריפען געשריבען. אט אזוי ווי די מענער, וואס האבען יענע ביכער געשריבען, וואלטען געוואוסט מיט וועלכען צוועק זיי שרייבען זיי.

דעם ייוואס ביבליאטעק איז א גרויסער מאדערנער יודישער אוניווערסיטעט. וואס מען קען זיך אין איהם פערשרייבען אהן א מאטורע.

ער זאגט קיינעם קיין פאסטען ניט צו ער קען אבער אויך פאר קיינעם קיין אנטוישונג ניט זיין.

און זאל מיר דא דערלויבט זיין, נאך א ביטערער יאהרענלאנגער דערפארונג איבער גאר דער יודישער וועלט צו פאראפראזירען דעם בעריהמטען פסוק:

עמך ישראל צריכים פרנסה - אטת, אבער:
עמך גראבע יונגען צריכים א ביסעל לערנען און וויסען!

זלמן רייזען

(המשך)

אָבער די אַלע יודישע קולטור-בנינים, די אַלע איבער אַ וועלט-צעשפּרייטע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען האָבען ביז אַהער נישט געהאַט זייער צענטער, וואָס זאָל זאַמלען די דערפאַהרונג, פעראייניגען די אָנשטרענגונגען, בעקאַנט מאַכען די דערגרייכונגען און פערמיטלען גייסטיג צווישען דער צעריסענער און צעשפּליטערטער יודישער וועלט. און איצט, אַז דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט פיהרט אויס די דאָזיגע גרויסע און דריגענדע אויפגאַבע, קענען מיר גאַרנישט תּופס זיין, ווי אַזוי האָט מען זיך עס געקאָנט בעגעהן אָהן אַזאַ אָנפיהרענדיגען צענטער. דווקאָ די צעריסענקייט אונזערע איבער דער גאַנצער וועלט איז געוואָרען די טרייבקראַפט צו שאַפען די פעראייניגונג אין אונזער צענטראַלער אַנשטאַלט פאַר דער יודישער קולטור און וויסענשאַפט — אין דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

אַ צווייטע טרייבקראַפט איז דער היסטאָרישער בין-השמשות, וואָס מיר לעבען איצט איבער. דאָס אַלטע ווערט חרוב, צי מיר ווילען עס אָדער נישט, און עס איז די העכסטע צייט נישט צו דערלאָזען, אַז אין דער דאָזיגער חירום-צייט זאָלען אונטערגעהן די גייסטיגע אוצרות, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפען. עס איז לייכט צו פערטאַכלעווען אַ גרויסע ירושה, וואָס די פערגאַנגענע דורות האָבען איבערגעלאָזט. אָבער פיעל שווערער איז אויף דאָס ניי צו שאַפען קולטור-ווערטען נישט ווי אַ ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם שוין אָנגעזאַמעלטען גייסטיגען פערמעג. מיר מוזען טהון אַלצדינג אונזער קולטור-ירושה אויפצוהיטען. צונויפזאַמלען די שפּורען פון דער יודישער פערגאַנגענהייט (אויך די געגענוואַרט ווערט מאָרגען — פערגאַנגענהייט) אין אַלע איהרע אַרויסווייזונגען – איז די צווייטע היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

פערהאַן אָבער נאָך אַ מאָמענט, נישט ווייניגער וויכטיגער ווי די ערשטע צוויי: זיך אַליין צו דערקענען און בעקענען די וועלט מיט אונזער לעבען און אונזערע פּראָבלעמען. נישט נאָר איז דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט די צענטראַלע אַנשטאַלט און דער זאַמעל-פּלאַץ און דער רעגיסטריר-פּונקט פאַר אַלע יודישע טעטיגקייטען און פון אַלע יודישע מאַטעריאַלען. ער איז אויך די פאָרשונג'ס-אַנשטאַלט פון דעם יודישען לעבען אין דער פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט. ביז אַהער האָבען מיר די יודישע פאָרשונג'ס-אַרבייט איבערגעלאָזט

הויפט-מאָמענטען אין דעם אויפבוי פון ייוואָ

פאַר די פערפרעמדטע און אָפּגעריסענע פון דעם פאָלקס-לעבען און פון די פאָלקס מאַסען. עס איז שוין אָבער געקומען די צייט, אַז מיר, אָט די, וואָס שטעהען אין צענטער פון דעם יודישען לעבען, וואָס זענען אויסגעבונדען מיט די יודישע פּראָבלעמען. וואָס די גאַנצע וועלט איז אונזער היים און מיר זענען אין ערגעץ נישט קיין פרעמדע, זאָלען אַליין איבערנעמען די אָנפיהרונג פון דער יודישער וויסענשאַפטליכער אַרבייט.

און די רעזולטאַטען הויבען זיך שוין אָן אַרויסצווייזען. עס איז גאָר קיין ספק נישט און קיין גוזמאָ נישט, אַז דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט וועט זיין די אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אין דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט און אין דעם אינטערעסען-קרייז פון דער גרויסער וועלט אַריינפיהרען די קאָמפּליצירטע אָבער זייער אייגענאַרטיגע פּראָבלעמען פון דעם יודישען לעבען און שאַפען און וועט בעקענען מיט זיי די אַלע, וואָס האָבען איצט די לעכערליכסטע, די נאַאיווסטע פאָרשטעלונגען וועגען יודען און יודישער ווירקליכקייט, יודישע ליידען און יודישע קאַמפען. שוין איצט ביי די ערשטע טריט פון זיין טעטיגקייט האָט דער ייוואָ בעוויזען צו פעראינטערעסירען אַ גאַנצע רייה ערשטראַנגיקע פאָרשטעהער פון דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט, און אייניגע פון זיי אַרבייטען אַפילו מיט דעם ייוואָ אין דער דערקענטעניש, ווי ווייט פרוכפערדיג די טעטיגקייט פון דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט קען אויך זיין פאַר דעם אַלגעמיינעם וויסען.

אַ דאַנק דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט ווערט אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעשאַפט דער ביז אַהעריקער פאַטאַלער מצב, אַז וועגען דעם יודישען לעבען און וועגען די יודישע פּראָבלעמען פּלעגט זיך די וועלט שוין צו אָפט ליידער, לאָזען זיך אינפאָרמירען פון אומבאַרופענע און אומפאַראַנטוואָרטליכע, וועלכע האָבען אַריינגעבראַכט אומקלאָרע און ניט זעלטען דירעקט פאַרדרייטע אָדער אַפילו גאָר געפעלשטע דאַטעס און פאָרשטעלונגען. און מ'טאָר בשום אופן ניט איגנאָרירען דעם אויפטהו, וואָס אויך די דרויסענדיקע וועלט וועט אַלץ מעהר און מעהר געוואָהר דעם אַדרעס, אויף וועלכען מ'קען זיך ווענדען נאָך גענויע און אָביעקטיווע ידיעות וועגען יודען און יודענטום.

אַ דאַנק דער טעטיגקייט פון ייוואָ ווערט דער אַלגעמיינער קרייז וויסענשאַפטלער וואָס אַ מאָל מעהר געוואָהר פון דער עקזיסטענץ פון אַ לעבעדיגער יודישער קולטור און פון איהרע טרעגער — דעם לעבעדיקען און פאַר זיין קיום הערויש זיך ראַנגלענדיקען יודישען פאָלק — אַ דערשיינונג פון זייער אַ גרויסער באַדייטונג פאַר אַלע אונזערע אַקטועלע פּראָבלעמען. יעדער איינער, וואָס האָט זיך צונויפגעשטויסען מיט דער שוידערליכער עם-הארצות און איגנאָראַנץ, וואָס הערשט אין דער אַלגעמיינער קולטור-וועלט בנוגע יודען, וועט מוזען אויך אָפּשאַצען די דאָזיגע דערווייל נאָך אומדירעקטע אויפגאַבעס און אויפטוען פון ייוואָ.

ווען דער ייוואָ וועט נאָר אַרויס פון די איצטיגע שווערע מאַטעריעלע פאַרהעלטנישען, וועט פאַר איהם שטיין אַ גרויסע אויפגאַבע — פּעריאָדיש און סיסטעמאַטיש צו באַריכטען וועגען די מאָדערנע יודישע פאַרהעלטנישען און פּראָבלעמען, אינפאָרמירען וועגען זיי די גרויסע וועלט, ביי וועלכע מיר מוזען פאַרט זוכען פאַרשטענדעניש און הילף אין אונזערע גרויסע היסטאָרישע נויטען, בפרט אין דער היינטיגער צייט פון אַזאַ שוידערליכער אָרגאַניזירטער בילבולים-העצע אויף יודען.

(סוף קומט)

גבריאל ווייסמאַן

13 יאָהר ייוואָ

13 יאָהר ייוואָ!

אין פלוג — אַ קורצע דאַטע, ווייל ווינציג קולטור-אינסטיטוציעס, וויכטיגע געזעלשאַפטען און אָרגאַניזאַציעס זענען פאַרהאַן ביי יודען, וואָס ציילען שוין היבשע צעהנדליגער יאָהרען פון זייער טעטיגקייט! און דאָך וועט נישט זיין קיין גוזמאַ צו זאָגען, אַז זינט דער געשיכטע פון יודען האָט נאָך קיין שום אידעאישע אָדער קולטור-אָרגאַניזאַציע נישט באַוויזען צו ווערען אַזאַ מעכטיגע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע ווי עס איז דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט.

ייוואָ (פאַרקירצט פון: יודישע וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט) האָט דורך די 13 יאָהר פון זיין טעטיגקייט באַוויזען צו גרופּירען אַרום זיך אַלע יודישע געלערנטע, וויסענשאַפטלער, פעדאַגאָגען, עקאָנאָמיסטען, היסטאָריקער, שרייבער, לינגוויסטען. פילאָלאָגען, פאָלקלאָריסטען און סתם זאַמלער און פריינד פון יודיש-לשון און מיט דער הילף פון זיי אַלעמען באַוויזען צונויפצוזאַמלען אין אַזוי אַרום אָפּראַטעווען פון פאַרפאַלענקייט אַ סך פון אונזערע קולטור - אוצרות, וואָס זענען אויף הפקר צעשפּרייט געווען איבער דער גאָרער וועלט.

מיר קענען, וואָס אַן אמת נישט פאַרלייקענען, אַז אויך ביז צו דער גרינדונג פון ייוואָ האָבען מיר געהאַט אַ רייע אָנגעזעהענע טוער אויף אַלע פיער דערמאָנטע געביטען. ס'איז גענוג אָנצורופען די נעמען: איגנאַץ בערנשטיין, דרויאַנאָוו, אַנסקי, י. ל. כהן, האַרקאַווי, נח פּרילוצקי, ש. באַסטאָמסקי, יהודה עלזעט, ש. לעהמאַן, קיפּניס, שמעון דובנאָוו, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (זיין פאָרעמען און צונעבען פאַרב דעם יודישען לשון) ד"ר מאַקס ווײַנרייך, זלמן רייזען און אַנדערע. זיי אַלע זענען אָבער פאַרט געווען יחידים-טוער, וואָס האָבען, ביים בעסטען ווילען נישט געהאַט די ברייטע מעגליכקייט פון אַרויסציען אַלע אוצרות פונם גרויסען ים, וואָס הייסט: יודיש.

למען האמת מוזען מיר אָבער דאָ מודה זיין, אַז זייערע אַלע אַרבעטען האָבען אָנגערעגט און געגעבען אַ שטויס דעם געדאַנק צו דער שאַפונג פון אַזאַ אינסטאַנץ, אַרום וועלכער עס זאָל זיך גרופּירען די גאַנצע יודישע וויסענשאַפט און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו יודען.

ייוואָ איז עס, די דאָזיגע אינסטאַנץ!

נישט נאָר וואָס ייוואָ האָט באַוויזען צו קאָנצענטרירען די יודישע געלערנטע און וויסענשאַפטלער נאָר האָט אויך באַוויזען אַ סך אויסצוברייטערען די רשימה פון יודישע פאָלקלאָריסטען, לינגוויסטען, היסטאָריקער און עקאָנאָמיסטען, וועלכע האָבען איצט — הן ביים פאָרשען און הן ביים אַרויסגעבען זייערע ווערק — אַ גרויסען אָנשפּאַר אינעם ייוואָ. דער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט איז אַזוי אַרום געוואָרען די העכסטע אַקאַדעמיע פון דער יודישער וויסענשאַפט, אָדער ווי עס האָט זיך ערגעץ טרעפלעך און ריכטיג אויסגעדריקט ד"ר מאַקס ווײַנרייך: דאָס יודישע בילדונגס מיניסטעריום!

און אויב מיר האָבען שוין יאָ דערמאָנט דעם נאָמען מאַקס ווײַנרייך, וועלען מיר ביי דער געלעגענהייט — מיר דערצעהלען דאָס איצטער אין פריידען — איבערגעבען אַן אינטערעסאַנטען פאַל. וואָס גיט אַן אָפּשפּיגלונג ביי וואָס פאַרא בעדינגונגען דער אינסטיטוט איז געשאַפען געוואָרען, און גיט אויך אַ כאַראַקטעריסטיק וועגען דעם גרויסען אייראָפּעער און הייסער יוד ד"ר מאַקס ווײַנרייך: ווען עס איז אין יאָהר 1925 אָנגענומען געוואָרען דער פּראָיעקט פון דער שאַפונג פון ייוואָ, איז געגאַנגען אַ שפּאַרעניש ווו עס זאָל זיך געפינען דאָס זיץ-אָרט פון דער צענטראַלע. אַ טייל האָבען פאָרגעלעגט בערלין און אַנדערע — ווילנע. געזיגט האָט פערשטעהט זיך די אַלטע קולטור-שטאָדט, ווילנע, וואָס ווערט אָנגערופען: „ירושלים-דליטאַ". אָבער דאָ האָט מען זיך אָנגעטראָפען אויף אַן ערנסטע מניעה — דירה-מאַנגעל. מיר מיינען נישט דאָ צו זאָגען, אַז אין ווילנע האָט אויסגעפעלט דירות, פאַרקערט: צו יענער צייט זענען אַ סך דירות לעדיג געשטאַנען און געוואַרט צו פאַרדינגען, עס איז אָבער פּשוט נישט געווען מיט וואָס צו דינגען. אָבער אויך די מניעה איז שנעל בעזייטיגט געוואָרען — ד"ר ווײַנרייך האָט אָפּגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון ייוואָ אַ צימער פון זיין פּריוואַטע וואוינונג. זענען טאַקע הונדערטער און שפּעטער טויזענטער בריעף און פאַרשידענע שיקונגען הין און צוריק אויף און פון גרויס פאַהולאַנקע 14 געפלויגען. דער אינסטיטוט איז זיך אָבער גאָר שנעל אַזוי צעוואַקסען, אַז ער האָט ממש צעשפּאַרט די ווענט פון ליבען מאַקס ווײַנרייך — מען איז אַריבער אין צוויי געדונגענע צימערן. אָבער אויך דאָ איז אין גיכען ענג געוואָרען, איז מען אַריבער אין וואָס אַמאָהל מערער צימערען ביז... מיר האָבען היינט, נאָך 13 יאָהר מיהפולער אַרבייט, אַן אייגענעם ריזיגען בנין אויף וויוואָלסקע 18.

אַ.ז. וואָס ייוואָ איז געוואָרען דורך די 13 יאָהר פון זיין עגזיסטענץ!

ליגט טאַקע איצט, ווען עס פיהרט זיך ביי אונז אין ראַדאָם די ייוואָ-אַקציע דער הייליגער חוב אויף דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט מיטצוהעלפען מיט די מאַקסימאַלסטע געלד-שטיצעס, כדי אַזוי אַרום צו פאַרפעסטיגען און אויסברייטערען די טעטיגקייט פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

וואָס זאָגט מען וועגען ייוואָ?

...איך נוץ אויס די געלעגענהייט כדי אַרויסצוזאָגען מיין אָנערקענונג דעם אינסטיטוט פאַר זיין טעטיגקייט אין דינסט פון דער יודישער פאָלקס-אויפקלערונג און פאָרשונג.

פּראָפ. אַלבערט איינשטיין.

...איר האָט געשאַפען מיט די קאַרגע מיטלען, וואָס מען האָט אייך געגעבען, אַ גרויס ווערדיק ווערק, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר דעם וואויל פון יודען און פאַר זיין טרויעריגער פאַרגאַנגענהייט.

שלום אַש.

געקומען, געזען און איך בין באַזיגט.

ז. שניאור.

אונזער רייכקייט און אונזער אָרעמקייט זעען מיר אין יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. ס'איז אַ טאָל פון עצמות יבשות – און דער גייסט, וואָס מאַכט זיי לעבען. אַ מוזיי און אַ לאַבאָראַטאָריע. אַ שליסל צו אוצרות פון אַ מאָל.

ש. ניגער.

איך האָב אַלע מיינע וואַנדערונגען געפונען אין ייוואָ... כ'בין מעהר ווי באַגייסטערט – איבעראַשט.

ל. מלאך.

אין ייוואָ האָב איך געזעהן און באַוואונדערט די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט די אויפוואַכנדיקע יודישע מאַסען פון דער אַלטער יודישקייט צו דער מאָדערנער, וועלטלעכער יודישער קולטור.

ב. שעפנער.

... דאָ אין וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט טוט זיך אַן אַרבעט, וואָס קען פאַרנעמען אַלעמען. די זאַך שטייט העכער פאַר פערזענליכע רייבונגען.

ד"ר יצחק שיפּער.

(המשך אין קומענדיגן נומער.)

ביידע חזנים־קאַנדידאַטען בעזאָרגט מיט פּאָסטענס.

ווי בעקאַנט, האָט זיך אין ראַדאָם אָבגעשפּילט אַ קאַמף צווישען די צוויי חזנים־קאַנדידאַטען ראַנטאַל און פישביין. ביידע חזנים האָבען געהאַט צדדים, וועלכע האָבען געפיהרט מיט זיך אַ מלחמת־מצוה, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט. די חזנים גופא האָבען קאָנקורירט מיט׳ן זינגען און זייערע צדדים מיט׳ן זאָגען.

ס׳איז געווען מיט קולות און מיט יעלות.

געווינען דעם קאַמף האָט דער ווילנער חזן ראַנטאַל. ער האָט געהאַט מעהר מזל און זוכה געווען דעם עמוד.

דער ראַוונער חזן פישעלע פישביין האָט אַלזאָ געמוזט רעזיגנירען פון ראַדאָמער פּאָסטען און זיך לאָזען אויף פּרובען אין אַנדערע שטעדט, וואו ס׳זענען אויסגעשריבען געוואָרען קאָנקורסען אויף חזנים. זיין צד איז געבליבען אונצופרידען און געהאַט הלישת־דעת פאַרוואָס זיין קאַנדידאַט האָט געמוזט אָבטרעטען.

איצט האָבען די „ראַוונער" אויך אָבגעהאַלטען אַ סוקצעס. אויב נישט אין ראַדאָם, איז אין וואַרשא.

צום לידער פון ראַוונער צד, ה׳ דוד גאָלדפאַרב איז געקומען אַ בריעף פון חזן פישביין, וועלכער שרייבט, אַז ס׳קומט איהם אַ מזל־טוב. ער איז אַנגאַזשירט געוואָרען צו דאַווענען אין די ימים־נוראים אין נאָזשיק׳ס שוהל (אין וואַרשא) פאַר צוויי טויזענד זלאָטעס.

ס׳האָבען דאָרט געדאַווענט אויף פּרובע 42 חזנים און פון אַלע איז ער געפעלן. איצט האַנדעלט מען אונטער מיט איהם וועגען בלייבען סטאַביל אַלס חזן פון דער דערמאָנטער שוהל. דער דיריגענט דאַווידאָוויטש און די שוהל־גבאים פרעגען זיך נאָר, וואו ער איז געווען ביז איצט.

אַזוי שרייבט פישעלע פישביין צו זיין צד קיין ראַדאָם, וועלכער האָט איצט אַ סאַטיספאַקציע און איז מלא בשמחה, וואָס ער האָט פאַר׳ן פערשפּילען אין ראַדאָם געווינען אין וואַרשא.

אויפ׳ן סמך פון אָט דעם בריעף האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז די „ראַוונער" קלויבען זיך צו פאָהרען קיין וואַרשא דאַווענען ראש־השנה יום־כפור, סוכות, אין נאָזשיק׳ס־שוהל, כדי צו הערען זייער פישעלע.

שידלאָווצער קהלה־פּערוואַלטונג מיט׳ן רב פאַר׳ן משפּט

אין אַפּעלאַציע־געריכט.

די יודישע קהלה אין שידלאָווצע, צוזאַמען מיט דעם אָרטיגען רב זענען מיט אַ געוויסע צייט צוריק געשטאַנען אין ראַדאָמער קרייז - געריכט אונטער דער בעשולדיגונג פון נעמען העכערע שחיטה־אָבצאָהלונגען אין פערגלייך מיט דעם בעשטימטען טאַריף.

די אָנגעקלאַגטע פּרנסים פון דער שידלאָווצער קהלה מיט׳ן רב זענען דורכ׳ן ראַדאָמער קרייז - געריכט פער׳משפּט געוואָרען אויף 6 חדשים תפיסה יעדער.

די פער׳משפּט׳ע האָבען אַפּעלירט און איצט איז דער פּראָצעס צום צווייטען מאָהל בעטראַכט געוואָרען דורכ׳ן לובלינער אַפּעלאַציע-געריכט. נאָך אַ בעראַטונג האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגען אַן אורטייל, לויט וועלכען אַלע בעשולדיגטע מיטגלידער פון דער שידלאָווצער קה״ה־פּערוואַלטונג צוזאַמען מיט׳ן רב ווערען פער׳משפּט אויף 6 חדשים תפיסה מיט אָבלעגען דאָס אויספיהרען די שטראָף.

דער נייער שטייער פון מעהל און קאַשע.

עס זענען שוין פערעפענטליכט געוואָרען די אויספיהר - פעראָרדנונגען, וועלכע פיהרען איין דעם נייעם שטייער פון מעהל און קאַשע — פון 5 סעפּטעמבער אָן.

לויט די דאָזיגע פעראָרדנונגען וועט דער שטייער גענומען פון אַלע סאָרטען מעהל און קאַשע, סיי די פּראָדוצירטע אין לאַנד און סיי די אימפּאָרטירטע פון אויסלאַנד, מיט׳ן אויסנאַהם פון מעהל און קאַשע אויף עקספּאָרט, אָדער וואָס עס פערניצט אַליין דער לאַנדווירט און זיין ערד־אַרבייטער.

די הויך פונ׳ם שטייער וועט בעשטימט ווערען אין די נאָהנטסטע טעג. אויב די פּרייזען פון קאָרען וועלען זיך האַלטען אויפ׳ן איצטיגען ניוואָ, וועט דער שטייער אויסמאַכען 3 זל. פון 100 קילאָ.

דער חוב פון איינצאָהלען דעם שטייער ענטשטעהט אינ׳ם מאָמענט, ווען די מעהל אָדער די קאַשע ווערט אַרויסגעלאָזט פון מיהל אויפ׳ן מאַרק. דער אָפּצאָהל וועט בערעכענט ווערען פון דער וואָג ברוטאָ: אויף יעדען זאַק וועט אָנגעהאָנגען ווערען אַן עטיקעט אויף אַ שטריקעל מיט אַ פּלאָמבע, דעם זאַק וועט מען נישט קענען עפענען, נישט איבעררייסענדיג דעם שטריקעל מיט׳ן עטיקעט. פון 5 סעפּטעמבער אָן וועט מען קענען פערקויפען מעהל און קאַשע נאָר אין זעק צו 100, 80, 50, 10 און 5 קילאָ, ווייל ס׳ווערען צוגעגרייט עטיקעטען פאַר די דאָזיגע זעק. די דעטייל געשעפטען און בעקערייען זענען מחויב צו בעהאַלטען ביי זיך די אָראָפּגעריסענע עטיקעטען אין משך פון 2 יאָהר צייט.

די קאָנטראָל איבער דער געהעריגער אויספיהרונג פון די פאָרשריפטען וועט זיין אַן אומגעהויער שטרענגע. בייטאָג און ביינאַכט וועלען אַמטירען ספּעציעלע קאָנטראָלערען, וואָס וועלען בעזוכען אין בעגלייטונג פון פּאָליציי און פינאַנס־בעאַמטע די מיהלען, געשעפטען און בעקערייען.

פאַר נישט צופּאַסען זיך צו די פאָרשריפטען און פאַר בעגעהן מיסברויכען ביים איינצאָהלען דעם שטייער — דראָהט נישט בלויז אַרעסט און אַ געלד־שטראָף, נאָר עס קען אַריינגעזעצט ווערען אין דער מיהל, אָדער געשעפט אַ קאָנטראָלער, וואָס וועט דאָרט פערבלייבען אַזוי לאַנג ווי עס וועט דויערען די מעהל און קאַשע־פּראָדוקציע אין האַנדעל.

בעראַטונג אין דער קהלה וועגן דער ייוואָ־אַקציע אין ראַדאָם.

אין שייכות מיט דער פּראָפּאַגאַנדע און געלד־אַקציע, וואָס ווערט געפיהרט איבער׳ן גאַנצען לאַנד פאַר׳ן יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט („ייוואָ") וויילט ביי אונז אין ראַדאָם דער בעקאַנטער קולטור־טוהער י. גרינצווייג, וועלכער האָט שוין בעוויזען דעם היינטיגען זונטאָג צוזאַמענצורופען אַ גרויסע בעראַטונג אין דער יודישער קהלה פון פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און קולטור־פאָרשטעהער.

י. גרינצווייג האָט ברייטער רעפערירט וועגען די אויפטהוען פון ייוואָ במשך זיין 13 יעהריגער טעטיגקייט. ער האָט אויך אינפאָרמירט וועגען וואַרימען אָבּרופען זיך פון דער יודישער געזעלשאַפט אין אַ גאַנצע רייה שטעדט און שטעדטלעך, וואו נישט קוקענדיג אויף דער שווערער לאַגע פון די יודישע מאַסען ביי אונז אין לאַנד, האָט זיך איינגעגעבען דאָס יאָהר צו פערגרעסערן פילפאַכיג די הכנסות פון ייוואָ, ווי אויך די פערשפּרייטונג פון די ייוואָ־אויסגאַבעס.

נאָכ׳ן רעפעראַט האָט זיך ענטוויקעלט אַ שמועס, אין וועלכען ס׳האָבען אָנטייל גענומען די ה״ה אינזש. שוואַרצבערג, אַלטמאַן, צוקערמאַן, מ. טייטעלבוים, הערץ א. אַנד.

צום סוף פון דער בעראַטונג איז פייערליך פּראָקלאַמירט געוואָרען די ייוואָ־אַקציע ביי אונז אין שטאָדט. אויפ׳ן אָרט האָבען זיך פרייוויליג דעקלאַרירט אַ רייהע מענשען אַקטיוו צו בעטייליגען זיך אין דער פּראָפּאַגאַנדע און געלד־זאַמלונג.

ס׳איז צו האָפען, אַז די גאַנצע ראַדאָמער יודישע געזעלשאַפט וועט נאָכטהוען דעם ביישפּיעל פון אַלע אַנדערע שטעדט און מיט אַ גרעסערע מאָס אונטערשטיצען די אַקציע.

די טעלעפאָן־אַבאָנענטען בדאַרפען עס וויסען.

קאָמוניקאַט

דער פּאָסט־אַמט פון טעלעגראַמעס און טעלעפאָן אין ראַדאָם בעט אונז מודיע צו זיין די טעלעפאָן־אַבאָנענטען, אַז ער הויבט שוין אָן צונויפשטעלען אַ רשימה פון די זעלבע אויפן יאָהר 1939. די אַבאָנענטען, וועלכע וועלען נישט מעלדען וועגען ענדערונגען, אָדער דערגענצונגען דירעקט צום טעלעפאָן־אַמט ביז׳ן 17 ווזשעשיען ה. י. וועלען בלייבען אין דער טעלעפאָן־רשימה אויפן יאָהר 1939. אַזוי ווי זיי זענען אויפגעגעבען אין דער רשימה אין יאָהר 1938.

גאָלדענע פערדינסט־קרייצען.

דער ראַדאָמער סטאַראָסטאַ ה׳ יאַן מיעשקאָווסקי, דער וויצע - פּרעזידענט אינזש. ראַדאָמסקי און דער געוו. וויצע־סטאַראָסטאַ ד״ר שיטצער, זענען געוואָרען אויסגעצייכענט מיט גאָלדענע פערדינסט־קרייצען פאַר זייער אַרבייט אויפצוהויבען דעם סאַניטאַרען צושטאַנד אין אונזער שטאָדט.

ŻĄDAJCIE TYLKO „RIKSZA" GUM..? JEDWABNE

צוריק פון דאַטשע!..

(פעליעטאָן)

מיר געזעגענען זיך מיט גאַרבאַטקע. אויס מיט דעם גן־עדן התחתון, מיט דער רחבות׳דיגע פרייהייט, וועלכע דער ליבער זומער האָט אונז מיט אַזאַ שפע דערלאַנגט במשך פון לאַנגע טעג און וואָכען...

אויסגענוצט אין דער פולער מאָס דאָס געניסען פון דער שמעקעוודיגער לופט, פון די נאָדעל־בוימער, פון ברייט צעאַקערטע פעלד - שטחים, קיהלענדיגע וואַסער־פּליאַזשע און הויפּטזעכליך, דאָס ברענען זיך אונטער די גליענדיגע שטראַהלען פון דער זון.

איצטער האָבען זיך שוין די אַלע גוטע זאַכען אויסגעלאָזט. די קיהלע וועטערען און לאַנגע אָווענדען גיבען שוין אָנצוגעהערען, פון אַנ׳אַנדער סאָרט לעבען, צווישען הויכע מויערען און צוזאַמענגעוואַקסענע גאַסען פון שטאָדט.

אַ לעבען, וועלכער האָט שוין מיט די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען נישט קיין צוזאַמענהאַנג, אַ לעבען פון רויהער, האַרטער ווירקליכקייט...

ס׳ציהען זיך אויף די לאַנגע שאָסעען פוהרען, אויטאָס, געלאָדענע מיט טשעמאָדאַנעס, פּעק, לעזשאַקעס, האַמאַקעס, קוישען. פול געפּאַקטע אין שטאָדט אַריין.

עס פאָהרען מענער ווי פרויען, עלטערע ווי יוגענד, צוריק פון די דאַטשעס, אָפּגעברענטע פון דער זון, אָפּגע׳טובל׳טע פון וואַסער, יעדער איינער מיט ערינערונגען פון אַ פערגאַנגענער צייט... מאַכענדיג גלייכצייטיג אַ חשבון־הנפש, יעדער שטיל פאַר זיך...

און אין די אלול׳דיגע טעג, ווערט ביי מאַנכע אָנגעפיהלט מיט ימים־נוראים׳דיגע שטימונג, ווען דאָס געוויסען ווערט בעלאַסטעט. מיט דעם אַלגעמיינעם „בילאַנס" פון די „מעשים־טובים" אויף דער דאַטשע...

נישט איין מאַן וועט איצט, נאָכ׳ן אָהיימקומען פון זיין ווייבעל, זיך דאַרפען געזעגענען מיט דער פרייהייט...

וואָס אַנ׳אמת האָט איהם עס טייער געקאָסט... די צייט פון זיין ווייבעל׳ס אָפּוועזענהייט, אָבער ס׳האָט געלוינט...

אַ גאַנץ יאָהר האָט ער אויסצושטעהן צרות צרורות, דאָ קויף מיר, דאָ מאַך מיר, איז נישט מיט גוטען, איז עס „געגאַנגען" מיט בייזען, מיט אַ פּאַרציע קללות און „נאַפּאַדען", ביז זי האָט דאָס איהריגע אויסגעפיהרט...

מיט׳ן אָנקומען אָבער פון זומער, ווען די אשת־חיל איז געווען אויף דאַטשע האָט דער מאַן „אַנטדעקט", האָט זיך אָנגעהויבען שפּירען פריי...

דעם ווייב האָט ער אַרויסגעשיקט די וואַכען־פּענסיע און אַליין אָנגעהויבען פיהרען אַ לעבען פון אַ שטרויענעם אַלמן. און — הלמאי זאָלען מיר לייקענען — טאַקי אַ קאַפּעטשקע אונטערגעזינדיגט אויך...

אויך זי דאָס ווייבעל, וועט נאָכ׳ן אונטערציהען אַ סך הכל, זיך אַרומזעהן, אַז איהר „בילאַנס" האָט זיך נישט צו פערשעמען. אויך זי איז אויף דער דאַטשע נישט געבליבען הינטערשטעליג. געהאַלטען פאַסאָן, מעשה „טעלעגענטע" דאַמע, געשטופּט זיך אויבען־אָן, געמאַכט אַנ׳אַנשטעל פון... איבערשטען פון שטויסעל, גערעדט „פּאַ פּאָלאַשו" און געשפּילט אַ נישט צווייזדייטיגע „צניעות׳דיגע" ראָל...

אָבער דעם גרעסטען דין - וחשבון בעדאַרפען אָפּגעבען זיי די גאָלדענע יוגענד אונזערע. איבערהויפּט די פאַרשטעהער פון שעהנעם מין.

פאַרשטייט זיך, דאָס אויך אַ גאַנץ יאָהר זיצט מען נישט מיט פערלעגטע הענד... דאָס פּראָבלעם „פּאַוואַדזעניע" פיגורירט אויפן טאָג־אָרדנונג. קינאָ טעאַטער, דאַנסינג, פּיווע אַ גלאָק. פילט טאַקע אויס די „לאַנגווייליגע" צייט.

דער איינציגער ריכטיגער טרוים איז אָבער דאָס אָנקומען פון ליבען זומער, ווען מ׳פאָהרט אויף דאַטשע. אַ, דעמאָלט ציהט עס מיט אַ נאָגענדער בענקשאַפט צו געניסען פון לעבען אין דער סביבה פון די נאַטור־אוצרות...

אָט אַ דאָ „באַווייזען" זיי זיך אין זייער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ. אויף אויף דער דאַטשע, וועלכע איז אַ מין קבוץ־גליות, האָט זי, די יוגענד אונזערע, די ריכטיגע געלעגענהייט אויסצונוצען אפילו דאָס אונמעגליכסטע, זייענדיג „אָפּגעהיטען" פון אַ בייז, און נישט פערגינעריש אויג...

אין גאַנצען ווירוואַר פון דאַטשע־לעבען טרעפט עס אויך, דאָס פון צוזאַמענלעבען פון דער יוגענד לאָזט זיך אויס גאַנץ „פּאַוואַזשנע" זאַכען פון וועלכען טאַטע־מאַמע שעפּען נחת.

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען דאָס אַלעמען טרעפט אַזאַ „גליק"... ביי די מעהרהייט פון אונזערע „פּאַניענקעס" איז צוגלייך מיטן אָוועקגעהענדען זומער, פערשוואונדען אויך די אילוזיעס פון קריגען אַ „באַשערטען"...

די לעצטע פאָהרען נעבעך אָהיים שטאַרק פעראומערטע, טרייסטענדיג זיך בלויז דערמיט, וואָס חיי־שעה איז אויך עפּעס ווערט...

בקיצור, עולם פאָהרט צוריק אין שטאָדט. איינער מיטן פּאַק, און אַ צווייטער מיטן... זיי וועלען זיך צוריק איינגלידערען אין די רייהען פון די מאַרשירענדע אין גאַס. לאָמיר זיי „עמפּאַנגען" ווי אייגענע, ווי לייבלעכע און זיי אויפנעמען ווי אַלטע גוטע פריינד...

לאָמיר זיי „טרייסטען" די ענטוישטע די האָפנונגסלאָזע. ווי אויך די, וואָס האָבען גענומען „צו הילף" דעם „יצר הרע" ווייל „על כל פשעים תכסה אהבה"... לאָמיר זיי טרייסטען, אַז דאָס נייע דערנעהנטערענדע יאָהר וועט מיט זיך ברענגען מעהר גערעטעניש צו זייערע „אַספּיראַציעס" און, אַז מערצעשעם אופן צווייטען זומער וועט עס פּיעל פּיעל בעסער זיין...

הלואי!...

מעם־רייש.

גאַרבאַטקאַ־ראַדאָם.

אַביסעל הומאָר.

די קרענק וועט אויסגעהן צום דאָקטאָר׳ס קאָפּ.

אַ היגער הויז־ווירט איז קראַנק געוואָרען, רופט ער צו זיך אַ דאָקטאָר, וואָס וואוינט אין זיין הויז.

דער דאָקטאָר אונטערזוכט דעם חולה, צום סוף זאָגט ער:

— כ׳וואָלט אייך געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר כ׳האָב נישט קיין מוטה עס אייך צו זאָגען.

— פּאַניע דאָקטאָרזשע, איהר בעאונרוהיגט מיך, וואָס איז מיט מיר?

— איהר דאַרפט אַוועקפאָהרען קיין איטאַליען אָדער עגיפּטען אויף אַ צוויי דריי חדשים.

— דאָס איז אַלץ? אויף צו ראַטעווען דאָס געזונד שפּילט קיין געלד נישט קיין ראָלע.

— יאָ, דאָס איז טאַקע אמת, נאָר עס וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען איך בין נישט אייערער לאָקאַטאָר. אייער עגיפּטען וועט שפּעטער אויסגעהן צו מיין קאָפּ.

„יאַ דאַיע סטאָיי!..

אונטערגעהערט ביי אַ ליציטאַציע.

ביי אַ היגען סוחר איז פאָרגעקומען אַ ליציטאַציע פאַר אַ זאַלעגלע פּאָדאַטעק. דער קאָמאָרניק מיט זיינע „קופּצעס" גרייטען זיך צו דער ליציטאַציע, פּלוצים מעלדעט דער קאָמאָרניק:

— פּאַנאָוויע, איינער פון די „קופּצעס" האָט דאָ פערלוירען אַ פּאָרטפעל מיט 200 זלאָטעס. דער געליטענער בעט מ׳זאָל עס א י ה ם אָפּגעבען, ער איז גרייט צוגעבען 50 זלאָטעס.

אין דעם מאָמענט הערט זיך אַ שטימע פון די אַנוועזענדע קופּצעס:

— „יאַ דאַיע סטאָ"!...

דער מלאך־המות שטעלט בעדינגונגען...

דער איינציגער אויסוועג פאַר דייטשלאַנד איז אַ מלחמה. אין שייכות דערמיט האָט היטלער געשיקט אַ דעלעגאַט צום מלאך המות. ער זאָל אַרויסציהען די שווערד פון דער שייט. דער מלאך־המות האָט אויסהערענדיג די בקשה געענטפערט:

— גוט, איך בין גרייט נאָכצוקומען די בקשה פון אייער פיהרער, אָבער איך בין זיכער, אַז פאַר מיין „מלאכה־געלד" וועט בעצאָהלען דאָס דריטע רייך.

ראַדאָמער בחורים

ער איז נעבעך מיאוס אין פּעקל

ביי פּשיביטניעווסקי טרעפען זיך צוויי פּשיאַטשעלעס, פרעגט איינער:

— וואָס איז עס מיט דיר לעאָן? וואָס ביזטו עס היינט אַזוי צוטראָגען?

— כ׳האָב דערהאַלטען אַן אַנאָנים.

— אַן אַנאָנים?

— יאָ, כ׳וועל אים דיר איבערלייענען: „כ׳וואָרען דיך. לאָבוז איינער. אויב דו וועסט דיך נישט אָפּטשעפּען פון מיין טאָכטער, וועל איך דיך דערשיסען ווי אַ הונט.

דער פּאָטער

— נו, וואָס קלעהרסטו? דו האָסט נישט קיין עצה. דו מוזט איבעררייסען.

— יאָ איבעררייסען, מוז איך דאָך וויסען מיט וועלכערס פּאָטער.

אַ נאַאיוועטער מאַן

דינסט: זאָל דער הער איצט נישט אַריינגיין אין שלאָף־צימער, ווייל דער דאָקטאָר איז איצט ביי דער מאַדאַם.

בעל־הבית: ווער איז דאָרט? דער דאָקטאָר? וועלכער דאָקטאָר? און וואָס זאָגט די שווערד, וואָס הענגט אין קאָרידאָר?

דינסט: די שווערד זאָגט, אַז דאָס איז אַ וואָיסקאָווע דאָקטאָר.

ליוועראַנטען אופן עולם האמת האָבען געוויסע הנחות...

אַ דאָקטאָר פון דער „אובעזפּיעטשאַלניע" איז געשטאָרבען. קומענדיג אין הימעל אַריין פרעגט אים דער גיהנום־שמש:

— וואָס ביזטו געווען ביים לעבען?

אַ דאָקטאָר פון דער „אובעזפּיעטשאַלניע".

— אַהאַ, פאַר ליווערראַנטען איז דאָ אַ ספּעציעלער איינגאַנג. די דריטע טיר לינקס.

די מצבה-ענטהילונג אויפ'ן קבר פון בעוויסטען נדבן ר' יצחק מאיר לעסלאָו

איבערמאָרגען זונטאָג ווערט ענטהילט די מצבה פון דעם ערשט נישט לאַנג פערשטאָרבענעם גרויסען נדבן ר' יצחק מאיר לעסלאָו ז"ל.

די מצבה איז אויסגעהאַקט פון אַ פרעכטיגען גראַניט-שטיין, וואָס איז געבראַכט געוואָרען פון טשעכיען. די אַרבייט פון אויסקריצען און אויסגראַווירען די מצבה האָט אויסגעפיהרט דער בעקאַנטער היגער מאהלער און צייכענער הערש גאַרפינקעל, וועלכער איז דערביי געווען בעשעפטיגט אַ לענגערע צייט.

דער עמבלעם פון דער מצבה איז אַן'אויסגראַווירטע אָרנאַמענטאַציע אין געשטאַלט פון אַ קרוין, וואָס טראָגט די אויפשריפט כתר שם טוב. דער צייכענער האָט זיך ביי דעם בעזונדער'ס געפלייסט, אַז ס'זאָל אַרויסקומען איינדרוקספול.

דער העברעאישער טעקסט אויף דער מצבה איז אַ גרעסערער און אַ ריהרענדער. ס'איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם וואַרימען יוד און טייערען מענש, וואָס האָט געהייסען ר' יצחק מאיר לעסלאו. יעדעס וואָרט וואָס איז אויפגעשריבען אויף דער מצבה איז אַ וואַרהאַפטיגע אָבשפּיגלונג פון זיינע וואונדערבאַרע מעשים-טובים און דערצעהלט ווער ס'איז געווען דער דאָזיגער גרויסער יוד, וואָס ליגט אונטער דעם גרויסען און הערליכען שטיין.

רוויינסקאַ גאַס — ביכער-יריד פון שול-קינדער

אויף רוויינסקאַ גאַס האָט זיך איינגעשטעלט אַ יאַריד פון שול-ביכער. דאָס איז אַ מין קינדער-יאַריד, וואו עס האַנדלען קליינע קינדער, קויפען און פערקויפען, אָדער פיהרען אַ געגענזייטיגען אויסטויש פון ביכער.

דער יאַריד קומט פאָר יאָהר-יעהרליך, ווי נאָר ס'הויבט זיך אָן דאָס נייע שול-יאָהר. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד איז אויף דער דאָזיגער גאַס אַזאַ געדראַנג, אַז ס'איז פשוט אומעגליך אדורכצוגעהן. דער געפילדער, דער געשריי איז ביז טויב צו ווערען. דער משא ומתן געדויערט ביז שפעט אין אָוונד און ווערט די גאַנצע צייט נישט געשטערט פון קיינעם. יעדער טרעט זיי אָב דעם וועג און איז גליקליך, אַז ער שטופט זיך אַדורך דער גאַס.

פיצעלע, ברעקעלעך קינדער זענען גאַנצע סוחרים. קאָמבינירען, קאַלקולירען און דרעהען אַ וועלט. ס'איז אַן'אונטערנאַציאָנאַלע ביכער-בערזע, וואו קינדער, יודישע און נישט-יודישע, קומען פון אַלע עקען שטאָדט. פאַרוואָס די קינדער האָבען זיך אויסגעקליבען די רוויינסקאַ גאַס, איז נישט בעוווסט. ס'איז קוים דאָ אויף יענער גאַס איין בוכהאַנדלונג, וועלכע שטעהט און קוקט צו, ווי קינדער קאָנקורירען מיט איהר.

ס'פּאַסירען דאָרט אויך פאַלען ווען איינער דעם צווייטען נאַרט אָפּ אָדער כאַפּט-צו אַ פּאָר ביכער און אַנטלויפט. אָט האָט זיך געטראָפען, וואָס ביים שול-קינד פינקעלשטיין פון רינעק 7, וועלכער איז אויך געשטאַנען אויפ'ן ביכער-מאַרק, האָבען נישט יודישע קינדער אַוועקגעכאַפּט אַ פּאָר ביכער. ווען ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד און גענומען נאָכיאָגען די כאַפּערס, האָבען יענע איהם גוט צעשלאָגען ביז בלוט.

מילא האַנדעל יאַק האַנדעל, אָבער כאַפּען און שלאָגען, דאָס איז שוין גאַר נישט קיין זאַך. דאָס איז נישט דערלאָזבאַר אפילו לשם קולטור און אודאי נישט ביי שול-קינדער, וועלכע מ'ברויך ערשט ערציהען און לערנען.

ראַדאָם. יוד. בעפעלקערונג זאָל שענקען אַן'עראָפּלאַן

עס איז שוין געווען געשריבען וועגען דעם, אַז די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם זאָל שענקען אַן'עראָפּלאַן פאַר דער פוילישער אַרמעע. אין תחילת איז געקומען אַ פאַרשלאַג, אַז דער עראָפּלאַן זאָל זיין אַ בשותפות'דיקע מתנה פון די יודען אין קעלץ און ראַדאָם. דעם פאַרשלאַג האָט געגעבען דער קעלצער יוד פינקלער, וועלכער איז מיוחד געקומען וועגען דעם קיין ראַדאָם און גערופען צו דעם צוועק אַ פערזאַמלונג אין לאָקאַל פון היגען „לאָפּ“.

דער פאַרשלאַג איז נישט אדורכגעגאַנגען און עס איז געבליבען, אַז ביידע שטעדט מאַכען נישט קיין שותפות. אויף יענער פערזאַמלונג איז געקליבען געוואָרען אַן'אָרטיגער קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך פערנעמען מיט דער אַקציע, אויסצובויען אַן'אַעראָפּלאַן אין נאָמען פון די ראַדאָמער יודען.

זונטאַג איז גערופען געוואָרען אַ זיצונג פון קאָמיטעט אין „לאָפּ“ (דריטער מאי 2). דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו בערך 30 פערזאָן, וועלכע האָבען אויסגעוועהלט דריי קאָמיסיעס: אַ פינאַנס-קאָמיסיע, אַ פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיסיע און אַן'אויספיהר-קאָמיסיע.

דער קאָמיטעט האָט נאָך נישט קיין פרעזעס. דער דאָזיגער אַמט ווערט פאַרלויפיג פערטרעטען פון וויצע-פרעז. אינזש. צימערמאַן.

די בעסטע ברכות פון מזל און צופרידענהייט
אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
לעאָן אייזענשמידט
צו זיין פערלאָבונג מיט
פר"ל. **לאָלא פינעס**
אַ גליקליכען צוזאַמענבונד דעם פערלאָבטען פּאָר
און די עלטערען פיעל נחת
ראַדאָם **לאָלא** און **מאַניעק רעבטמאַן.**

די האַרציגסטע און די וואַרימסטע ווונשען אונזער פריינד
אלעזר אייזענשמידט
צו זיין פערלאָבונג מיט
פר"ל. **לאָלא פינעס**
ליבע און גליק זאָלען זיין זייערע אייביגע בעגלייטער
פאַמיליע גוטמאַן
ראַדאָם

צוליב טעכנישע מניעות היינט נאָר 6 זייטען.

צוליב טעכנישע שוועריגקייטען ערשיינט אונזער היינטיגער נומער „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“ נאָר אין 6 זייטען. צוליב דעם האָבען אייניגע אַרטיקלען, ערצעהלונגען און נאָטיצען נישט געקענט אריין און וועלן קומען אין נאָהענסטען נומער.

די רעדאַקציע.

געברידער האַנצבערג
האָבען געעפענט
אַן'ערשטקלאַסיגען רעסטאָראַן
א. נ.
„קאַפע=באַר“
וואַרשא, גראַניטשנאַ 1
בעסטע, געשמאַקפולע און כשר'ע עסענס
אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספעציעלען נאַמן.
אַלע ראַדאָמער, וואָס קומען קיין וואַרשא דאַרפען געדענקען דעם אַדרעס און בעזוכען דעם פיינעם רעסטאָראַן פון זייערע לאַנדסלייט.

קעלצער כראָניק

זשאַבאָטינסקי האָט גערעדט וועגען דעם „מאָרגען פון ארץ ישראל“ אין קעלץ.

דינסטאָג איז אין קעלץ פאָרגעקומען אין טעאַטער פּאָלסקי דער רעפעראַט פון זשאַבאָטינסקי. ס'איז געקומען אַ ריזיגער עולם פון וועלכען אַ סך זענען אַוועק פון קאַסע, נישט בעקומענדיג קיין בילעטען.

ס'זענען געקומען עטליכע הונדערט מענשען פון די אַרומיגע שטעטלעך.

זשאַבאָטינסקי איז אויפגענומען געוואָרען מיט שטורמישע אָוואַציעס פון גאַנצען פּובליקום אויפ'ן זאַהל.

נאָך דעם ערעפנונג'ס-וואָרט פון ה' ראַדאַל, האָט זשאַבאָטינסקי גערעדט דריטהאַלבען שעה אויף דאָס טעמע „דער מאָרגען פון ארץ ישראל“.

אויפן רעפעראַט זענען געווען אַנוועזענד פאָרשטעהער פון דער וואָיעוואָדזטווא, פון דער סטאַראָסטאַ און דער פּאָליציי-קאָמיסאַר.

נאָכן רעפעראַט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט אין האָטעל „וויקטאָריאַ“, וועלכער האָט זיך פערצויגען אין אַ געמיטליכע שטימונג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיטוואָך אין דער פריה איז זשאַבאָטינסקי אָבגעפאָהרען קיין לאָדז.

אָסטראָווצער כראָניק

דער פּראָצעס פון פעלדשער אברהם ביינערמאַן

די וואָך איז דורכ'ן קרייז-געריכט אויף זיין אַרויספאָהר-סעסיע בעטראַכט געוואָרען דער פּראָצעס געגען פעלדשער אברהם ביינערמאַן.

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע פעראינטערעסירונג צווישען דער אָרטיגער בעפעלקערונג, ביי וועמען די פּערזאָן פון בעשולדיגטען איז זעהר פּאָפּולער און בעליבט.

שוין ביים צוג, וועלכער האָט געבּרענגט דעם בעשולדיגטען פון תפיסה האָבען אָבגעוואַרט מאַסן מענשען. אויך די גאַס פון געריכט איז געווען בעלאַגערט פון די אָבוואַרטענדע מאַסען-פערזאַמלטע.

דער דיזשורירענדער פּאָליציאַנט האָט געמאַכט פּראָטאָקאָלען פאַר שטעהן אויף די טראָטואַרען, פאַר צוזאַמענלויף א. ד. ג.

דער פערזאַמעלטער עולם איז דעם גאַנצען טאָג געשטאַנען און אָבגעוואַרט אַלע ידיעות פון אינוועניג.

לויט'ן בעשולדיגונג'ס-אַקט ווערט דער פעלדשער ביינערמאַן אָנגעקלאָגט פאַר פערורזאַכען דעם טויט זיין פּאַציענט דורך צופּאַסען — אָהן אַ דאָקטאָר — אַ נישט געהעריגע איינשפּריצונג.

אַלס עקספּערטען ווערען אַרויסגערופען דער קרייז דאָקטאָר ווי אויך די אָרטיגע דאָקטוירים פיליוס און אבראַמאָוויטש, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען ביי דורכפיהרען די סעקציע פון פערשטאָרבענעם.

די סעקציע-עקספּערטען בעלאַסטען טיילווייז דעם בעשולדיגטען.

דער פּראָצעס איז ענטשטאַנען ווי ס'איז שוין געווען גענויער בעשריבען אין אונזער צייטונג פון אַ מעלדונג פון גלח פאַר וועלכען דער פערשטאָרבענער האָט אין די לעצטע מינוטען געזאָלט זאָגען, אַז דער פעלדשער ביינערמאַן האָט פערורזאַכט זיין טויט.

5 אַ זייגער איז אויסגעלייענט געוואָרען דער אורטייל: 18 חדשים תפיסה און פערלירען די פּראַקטיק-רעכט אויף 5 יאָהר.

פערטיידיגט האָבען די אַדוואָקאַטען זדזשיטאָוויעצקי און איגנאַטאָווסקי.

בעשולדיגט האָט דער פּראָקוראָר קאָסטושעווסקי. די פערטיידיגער האָבען אָנגעזאָגט אַן'אַפּעלאַציע.

על פי טעות חושד געווען צוויי ברידער אין גנבה.

צוליב אַ טעות האָט מען חושד געווען צוויי ברידער אין גניבה.

דער טעות איז געשעהן צוליב בין-השמשות. 9 אָוונד איז די גניבה אויסגעפיהרט געוואָרען ביי דעם ה' צוקערמאַן אויף שעווצקאַ 5. ער איז דאַן נישט געווען אין דער היים, און ווען ער איז צוריקגעקומען אַרום האַלב צעהן, האָט ער דערזעהן, אַז ס פעהלען איהם 135 זלאָטעס פון שיפלאַד, וואָס איז געווען צעוואָרפען און עדות געזאָגט, אַז דאָ האָבען געגראַבעלט פרעמדע הענד. ס'זענען געווען נאָך אַנדערע סימנים, אויפן סמך פון וועלכע צוקערמאַן איז אַוועק אין דער פּאָליציי, מעלדענדיג, אַז מ'האָט איהם בע'גנב'עט.

שפּעטער, ווען די אויספאָרשונג איז געווען אין גאַנג זענען געקומען צוויי יודישע יונגעלייט וואַקסמאַן און מלאך אין דער פּאָליציי, און דערצעהלט, אַז עטליכע מינוט נאָכדעם, ווי די גניבה איז געשעהן, האָבען זיי געטראָפען אויף די שטיגען די ברידער חיים און יצחק פריידאַס.

אין געריכט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די עדות האָבען געהאַט אַ טעות. זיי האָבען אָבגעלייקענט און ערקלערט, אַז ס'איז געווען פינסטער און זיי האָבען נישט געזעהן גענוי, צי דאָס זענען ווירקליך די ברידער פריידאַס. ס'האָט זיך בלויז זיי געדאַכטען, אָבער זיי קענען נישט פעסטשטעלען, אַז ס'איז אַזוי.

דאָס געריכט האָט ביידע ברידער חיים און יצחק פריידאַס גענצליך פריי געשפּראָכען.

צו אונזערע לעזער און פריינד אין לאַנד און אויסלאַנד.

עס קומט אָן דאָס יודישע **ניי-יאָהר**, ווען יעדער יוד היט-אָב די אַלטע שעהנע טראַדיציע אויסצודריקען זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטערן, פריינד און בעקאַנטע זיינע

לשנה-טובה-וואונשען

מיר לעגען אייך דערום פאָר אַנשטאָט צו שיקען צו אייערע עלטערן, שוועסטער, ברידער פריינד און בעקאַנטע די שאַבלאָניש געדרוקטע וואונש-קאַרטען, אויסדרוקען אייערע **לשנה-טובה וואונשען דורך אייער היים-צייטונג „ראַדאָמער קעלצער לעבען“**, וועלכע פערבינדעט אייך מיט אייער אַלטע היים.

אייערע לשנה טובה-וואונשען, וואָס וועלען געדרוקט ווערען אין „ראַדאָמער קעלצער לעבען“ וועלען געלעזט ווערען דורך אַלע אייערע קרובים און פריינד אין **ראַדאָם, קעלץ, אָסטראָוויץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק** און **אויף דער גאַנצער וועלט**, וועלכע זענען לעזער פון אונזער צייטונג.

אדמיניסטראַציע
ראַדאָמער-קעלצער לעבען.

שטיצט די אַקציע פון יודישען וויסענשאַפטליכען „ייוואָ“ אינסטיטוט

פון אָרטיגען קאָנגרעס-קאָמיטעט. (קאָמוניקאַט)

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן קאָנגרעס פון קאַמף פאַר די רעכט פון דער יודישער בעפעלקערונג וואָס ווערט ערשט אין גאַנצען לאַנד אָרגאַניזירט אויף דער איניציאַטיוו פון „בונד“ האָט דער אָרטיגער קאָנגרעס-קאָמיטעט, אין וועלכען ס'געהען אַריין פאָרשטעהער פון פּאָליטישע און אַלע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסען - אָרגאַניזאַציעס, אָבגעהאַלטען מיטוואָך זיין לעצטע פּלענאַרע זיצונג, וועלכע האָט נאָכ'ן אויסוועהלען אַ פּרעזידיום, אָנגענומען אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע בעשלוסען, צוו. אַנד: אדורכפיהרען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישען אַלע שיכטען פון די יודישע אַרבייטענדע מאַסען; בעקענען אַלע אָרטיגע ווירטשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס ווי קליינהענדלער-פעראיין, „טאָז“, „אָרט“, צוגרייטען אַ גרויסען מאַסען-מיטינג, שאַפען אַ געלד-פאָנד, אויסשרייבען פון 3 ביז 4 הונדערט עקזעמפּלאַרען „פאָלקס-צייטונג“ פון דער קאָנגרעס-אויסגאַבע, און צוגרייטען צום פערקויף פון וואַהל-בעשיינען צום קאָנגרעס.

ג — ן

KINO APOLLO

ביז זונטאג איינשליסליך!
בערימטער פראגראם
א שענער פילם
בערימטע פראנצויזישע פראדוקציע
Zgrzeszyłam
אין די הויפט-ראל
מיכעללע מארגאן
אלס צוגאב פראגראם
פאט-וואך

KINO APOLLO

גרויס׳ר פרי׳המארגען פראגראם
שבת 3 און זונטאג 12 און 1⁴⁵ אז.
Robert i Bertrand
מיט די בערימטע פוילישע ארטיסען
גראסובנא, דימשא, באדא
Od poniedziałku
ערעפענונג פון סעזאן
מארקא פאלא
מיט גארי קאאפער און סיגריד גוריע

דאס אונפערגלייכליכע מיט זיינע פארשריפטען ביכעלע פון ד״ר א. אעטקער א. ג. „א גוטע הירטין באקט אליין“ איז צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געשעפטען און בוכהאנדלונגען. די פרייז איז פערקלענערט אויף 30 גראשען, דאס ביכעלע איז נישט צום אבשאצען, געבענדיג א סך פארשריפטען אויף געבעקס און אנד.

די יודישע שאנק

די שאנק איז ביי יודען תמיד געווען פעררעכענט פאר׳ן שענסטען מעבעלשטיק צווישען אלע כלי-בית. די לעצטע יאהרען איז זי געווארען א גאר גרויסע מיוחסת און איהר חשיבות איז געשטיגען מעלה, מעלה. זי האט אוואנסירט די שאנק צוליב דער לעצטער מאדע, וואס האט זי בערייכערט מיט א שפיגל.

זינט דאן איז די שפיגעל-שאנק געווארען דער שטאלץ, די קרוין פון יעדער יודישער שטוב. מיט איהר האט מען פערשטעלט דעם דלות און מ׳האט זיך געהאלטען מיט לייטען גלייך. ביי יעדער געלעגענהייט האט מען זיך פרעזענטירט מיט דער שפיגעל-שאנק. זי איז געווען א סגולה צו שידוכים, צו קרעדיט און סתם אזוי פאר געסט-אויפנאהמען, אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז... ביז אויף דאזיגען שטאלץ האבען זיך אנגעהויבען בעווייזען „זאיענטשע“-צעטלעך מכל המינים, וואס האבען זי בעקלבט פון אלע זייטען.

דעמאלט איז זי געווארען אויס יחסנ׳טע.

ס׳האט זיך אנגעהויבען א סעריע פראצעסען, „זאיענטשעס“ „ווילאנטשעניעס“ און ליציטאציעס.

יא, מאיאנטקעס האט זי אבגעקאסט די יודישע שפיגעל-שענק איהרע געטרייע בעלי-בתים האבען פאר איהר געקעמפט, ממש זיך מוסר נפש געווען פאר איהר.

איינער פון די וואס האבען זיך אזוי שטארק געקלאמערט אין דער שפיגעל-שאנק, איז דער היגער יודישער איינוואהנער מאיר אייזען פון שווארליקאווסקא 13. זיין שפיגעל-שאנק האט גאר בעזונדערס נושא-חן געווען אזוי ביי פריוואטע בעל-חובות און אויך ביים סקארב. זי איז געווען פערשריבען צוויי מאהל, צוויי „זאיענטשעס“. צום ערשט איז געקומען דער סקארב. שפעטער האט זיך געיאוויעט דער קאמארניק אין נאמען פון א פריוואטען בעל-חוב. היינטיגע וואך איז געקומען א סעקוועסטראטאר פון סקארב און די שאנק פערנומען. דא איז אבער ענטשטאנען א דין-תורה, ווער ס׳זאל בעצאהלען פאר׳ן אבפיהרען די שאנק אין די מאגאזינען פון סקארב. מאיר אייזען האט געטענה׳ט, אז דאס געהערט צום סעקוועסטראטאר, אז ער זאל בעצאלען; דער סעקוועסטראטאר איז געווען אין א פארקערטע מיינונג. בינו לבינו צוליב דער דאזיגער שקלא וטריא זענען צוויי דראזשקעס אוועקגעפאהרען, נישט וועלענדיק פערנעמען די שאנק. צום סוף האט דער סעקוועסטראטאר גערופען א פוהרמאנקע, וועלכע האט די שאנק פערנומען און מאיר אייזען האט „אויסגעפיהרט“. ער האט נישט בעצאהלט פאר די הוצאות הדרך.

מאיר אייזען האט די שפיגעל-שאנק נישט אפגעראטעוועט. ער האט איינגעגעבען אויף א „ווילאנטשעניע“, אבער נישט בעוויזען ארויסצובעקומען. חוץ דעם האט דער סעקוועסטראטאר געגען איט צונויפגעשטעלט א פראטאקאל דערפאר, וואס דער שפיגל האט געפעהלט.

אלפוילישער צוזאמענפאהר

פון יודישע קליינהענדלער קומט פאר זונטאג אין ווארשא.

איבערמארגען זונטאג דעם 11 ד. ח. קומט פאר אין ווארשא דער 7-טער אלפוילישער צוזאמענפאהר פון די יודישע קליינהענדלער און דעטאליסטען. צו דעם צוזאמענפאהר ווערען געמאכט פיבערהאפטע צוגרייטונגען און וועט שפילען א וויכטיגע ראל אין דער געשיכטע פון דער קליינהענדלער-בעוועגונג. דער צוזאמענפאהר וועט פערוואנדעלט ווערען אין א מעכטיגער מאניפעסטאציע פון יודישען קליינהאנדעל און אנצייכענען די ריכט-ליניעס פאר דער ווייטערדיגער טעטיגקייט לטובת די יודישע דעטאליסטען און קליינהענדלער.

דער היגער קליינהענדלער-פערבאנד דעלעגירט צום צוזאמענפאהר פאלגענדע זיינע פארשטעהער: רפאל האלצקענער, י. פלאצקי, משה מרגלית, משה הערשבערג, מנחם קאדענטשיק, נח ראזענבוים, ז. ווענגער.

„ניי-טעאטער“ אין ראדאם.

נישט אלע טעאטער-בעזוכער אין ראדאם ווייסען ווער ניי-טעאטער איז. דער אנסאמבל בעשטעהט פון יונגע ארטיסטישע כוחות, וואס האבען בעוויזען פאר די לעצטע יאהרען זיך קונהשם צו זיין אויף דער יודישער ביהנע סיי מיט זייערע קינסטלערישע פעהיגקייטען, סיי מיט ערנסטער איבערגעגעבענהייט אין דער טעאטראלער ארבייט.

„ניי-טעאטער“ דערמאנט די אויפפיהרונגען פון דעם פערשטארבענעם גרויסען יודישען רעזשיסער דוד הערמאן, די צענדליגער פרעמיערעס פון דער „ווילנער טרופע“ „וויקט“, „יונגטעאטער.

„ניי-טעאטער“ ציהט זיין יחוס נאך פון זיינע בעריהמטע עקספערימענטאלע אויפפיהרונגען אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון ד״ר מיכאל וויכערט, וועלכע האבען זיך בעריהמט געמאכט אין דער יודישער טעאטער-וועלט.

אויף דער היינטיגער אויפפיהרונג „האפענונג“ שרייבט מען, אז דאס איז א פרעכטיגע פארשטעלונג, וואס בלייבט לאנג פערקריצט אין זכרון פון די טעאטער-בעזוכער.

איבערגעריקט יודישע סטראגאנעס

אויף די הינטערשטע רייהען.

דעם היינטיגען מיטוואך האט דער מאגיסטראט איינגעפיהרט א נייעם סדר אויף פלאץ יאגעלאנסקי. די יודישע סטראגאנעס, וועלכע זענען ביז היינט געשטאנען אין פראנט האט ער איבערגעטראגען אויף די הינטערשטע פלעצער און די פוילישע סטראגאנעס האט ער אוועקגעשטעלט אויף די פאדערשטע ערטער, וואו די יודען זענען געשטאנען א רייהע יאהרען.

דער קליינהענדלער-פערבאנד האט אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיגע שינויים אונטערגענומען אנ׳אינטערווענץ אין מאגיסטראט.

געגען שריפה-וואך אין ראדאם.

שבת האט זיך אנגעהויבען „די געגען-שרפה-וואך“, וועלכע ווערט געפיהרט אונטער׳ן פראטעקטאראט פון מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי און מארשאל רידז שמיגלי.

אין שייכות דערמיט קומען פאר א גאנצע וואך פערשידענע פארלעזונגען, זאמלונגען, פייערלעשער-איבונגען און פראפאגאנדע-אימפרעזען.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו דערמאנען אז די ראדאמער פייערלעשער וועלכע עגזיסטירען שוין 62 יאהר האבען זיך דורך דער צייט מוסטערהאפט ארגאניזירט און זיי פערדינען ווארים אונטערגעשטיצט צו ווערען פון דער גאנצער היגער בעפעלקערונג.

שויז איינמאהל געצאהלט א וועקסעל.

דינסטאג איז אין דער ציוניסטישער באנק געקומען א געוויסע פרוי ווערבער (וואלאווא 39) צאהלען א וועקסעל. אזוי ווי ס׳איז געווען שוין האלב פיער נ. מ. האט דער מיטארבייטער פון דער דערמאנטער באנק ה׳ האלפינגער ערקלערט די אינטערעסאנטין, אז ער קען זי נישט אריינלאזען, ווייל די באנק איז צוליב דער שפעטער שעה שוין נישט טעטיג. עס האט זיך אנגעהויבען א קריגעריי בעת וועלכע די פרוי וו. האט זיך געווארפען אויף האלפינגער׳ן און איהם צעקאליעטשעט דאס געזיכט.

דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען דער פאליציי, וועלכע האט צונויפגעשטעלט א פראטאקאל.

CÉDIB
UNIVERSITÉ DE BEAUTÉ
PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
pudry kremy szminki płyny
Własne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, אז איך האב מיר געעפענט א
פראצאווניע אויף זשעראמסקי 16 ביי ה׳ גלאט, איך האב געארבייט פיעל יאהרען אין קיבוץ, דאדורך נעם איך אן זעהר צו ביליגע פרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך!
ביי ה׳ גלאט זשעראמסקי 16 (פארטער)

עס ווערט געזוכט
א קליין ביליג צימער
פאר אן אינטעליגענטען מאן ביי אינטעליגענטע מענשען.
דעם אדרעס איבערגעבען אין דער
רעדאקציע „ראדאמער-קעלצער לעבען“

Kino ADRIA
שבת דעם 1 — 10 און 3 אז.
זונטאג דעם 11 — 12 און 2 אז.
פריהמארגען-פילמען
Piękny film p. t
„ZA CUDZE WINY“
w rol. gł.
Gloria Stuart i Warner Baxter
Nad program Tygodnik P. A. T.

Do niedzieli d. 11 Września włącznie.
Kino ADRIA
Najweselsza premiera sezonu. ulubienica wszystkich
Deanna Durbin i Leopold Stokowski
w rewelacyjnej komedii
ICH STU i ONA JEDNA
oraz wielki film morski p. t.
BUNT ZAŁOGI
w rol. gł. John Wayne i Diana Gibson

פון ראדאמער ספארט.

„נאפזשוד“ בעזיגט „יוטשניא“.

נאכדעם ווי די אידישע פוטבאל-מאנשאפט „יוטשניא“ איז פון „א“ קלאס אראפגעפאלען אין „ב“ איז געווען צו גלויבען, אז זי וועט זיך נעהמען צו דער ארבייט. דער מעטש מיט „נאפזשוד“ האט אבער גאנץ אנדערש געוויזען. יוטשניא האט געשפילט זעהר שוואך און האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען מיט דעם שוואכערען קעגנער „נאפזשור“.

דער ערשטער מעטש (יוטשניע׳ס) וועגען מייסטערשאפט פון „ב“-קלאס האט זיך באלד פערענדיגט מיט א מפלה: 1:0 בלויז די לעצטע מאמענטען פון מעטש האבען געהערט צו יוטשניא, אבער נישט געקענט אויסנוצען קיין איינציגען גאל. הגם סיזענען געווען אויסגעצייכנטע סיטואציעס דערצו. דער איינציגער גאל אין דעם מעטש „נאפזשוד“ איז געפאלן אין דער לעצטער מינוט.

מיט דעם מעטש האט אנגעפיהרט דער פרעזעס פון די ראדאמער פוטבאל-ריכטער ה׳ בוקאווסקי — זעהר גוט.

אר.

אכטונג קעלץ!
אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע-ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטארבייטער
ק. ביינוואל
שריפטליך יען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer-Kielcer-Leben“
Kielce, ul. Warszawska 2.

אבאנאמענט פרייז:
[illegible] א חודש אין פוילן: זלאט
אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק
אין אנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.
1-sza i ostatnia strona liczą 10 szpalt.

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15-18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer-Kielcer Leben“ Szwarlikowska 20